**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/19/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט 638 מיליאן דאלער אין גרענטס פאר וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען לענגאויס ניו יארק סטעיט**

***איבער 206 מיליאן דאלער באשטימט פאר טרונק-וואסער פראיעקטן וועלכע אדרעסירן אויפקומענדע פארפעסטונגען***

***פראיעקטן געפונען זיך אין קאפיטאל דיסטריקט, צענטראל ניו יארק, פינגער לעיקס, לאנג איילענד, מיטל-הודסאן, מאוהאק וואלי, נארט קאנטרי, סאוטערן טיער, און מערב ניו יארק ראיאנען***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז דער סטעיט 'ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען' האט אויסגעטיילט 638 מיליאן דאלער אין גרענטס צו מוניציפאליטעטן און פובליק אויטאריטעטן פאר 199 וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט וועלכע וועלן באשיצן פובליק געזונטהייט אדער פארבעסערן וואסער קוואליטעט. קרוב צו 601 מיליאן דאלער אין 'וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג אקט' גרענטס און איבער 37 מיליאן דאלער אין נאך פעדעראלע סובווענצן וועלן שטיצן אומגעפער 1.6 ביליאן דאלער אין סה"כ אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג. די גרענטס ווערן פאראויסגעזען צו ביישטייערן איבער 35,000 דזשאָבס צו ניו יארק'ס עקאנאמיע און שפארן שטייער-צאלער בערך 1.4 ביליאן דאלער.

"מאדערניזירן אונזער סטעיט'ס וואסער אינפראסטרוקטור איז קריטיש-וויכטיג צו פארזיכערן אז יעדע ניו יארקער האט צוטריט צו ריינע טרונק-וואסער," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "באשיצן די פובליק געזונטהייט פון ניו יארקער וועט שטענדיג זיין א הויפט פריאריטעט פאר מיין אדמיניסטראציע און די פינאנצירונג זאגט עדות אויף דער אנטשלאסנקייט. מיר וועלן פארזעצן ווייטער ארבעטן געמיינזאם מיט יעדע שטאפל פון רעגירונג צו באקרעפטיגן ארטיגע אינסטאנצן מיט די פינאנצירונג אין וועלכע זיי נייטיגן זיך צו פארבעסערן וואסער קוואליטעט איבער'ן סטעיט."

די היינטיגע מעלדונג צייכנט אפ די גרעסטע אויסטיילונג פון וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג אקט (WIIA) גרענטס. די פולע ליסטע פון אויסטיילונג באקומער און פראיעקט איינצלהייטן קען מען געפונען אויף EFC'ס וועבזייטל, וואו איר קענט אויך זען אויסטיילונגען לויט'ן ראיאן ווי אויך אן אינטעראקטיווע מאפע.

**'ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען' פרעזידענט און CEO מאורין עי. קאולמאן האט געזאגט,** "דאס היסטארישער שטאפל גרענט פינאנצירונג פון EFC וועט צושטעלן טראנספארמירנדע בענעפיטן פאר 151 קאמיוניטיס אזוי ווי דער סטעיט פירט איין די וואסער קוואליטעט צילן געשטיצט דורך גאווערנער האוקול. גרענטס פון EFC גיבט פארלייכטערונג פאר שטייער-צאלער און העלפן ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן ברענגען שאָוועלס אין ערד אריין פאר קריטיש-וויכטיגע פראיעקטן וואס וועט באשיצן פובליק געזונטהייט און דער ענווייראָנמענט, שאפן דזשאָבס און טרייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג. EFC

שטייט גרייט צו שטיצן פיל מער וואסער קוואליטעט אינפראסטרוקטור פראיעקטן דורך די איניציאטיוון אין דער דורכגעפירטער סטעיט בודזשעט און דאס ארייננדרינגען פעדעראלע פינאנצירונג פון דעם בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ.״

**דעפארטמענט פון ענוויירענמענטאלע אפהיטונג און ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ באורד פארזיצער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״ניו יארק סטעיט מאכט אינוועסטירונגען אויף דורות צו העלפן בויען מער ווידערשטאנד-פעאיגע קאמיוניטיס וועלכע זענען בעסער פארגעגרייט נאכצוקומען די פאדערונגען פון קלימאט ענדערונג דורך שטיצן אפגרעידס און פארבעסערונגען צו וואסער אינפראסטרוקטור אין מוניציפאליטעטן לענגאויס דעם סטעיט. מיט גאווערנער האוקול׳ס אנגעהאלטענע איבערגעגעבנקייט צו אפהיטן וואסער קוואליטעט, העלפט DEC צו פאראויס-ברענגען פראיעקטן נויטיג אויף צוצושטעלן צוטריט צו ריינע טרונק-וואסער, באשיצן וואסער סופלייס, און שטיצן אנגייענדע עקאנאמישע וואוקס.״

**העלט דעפארטמענט קאמיסיאנערין דר. מערי טי. באסעט האט געזאגט,** ״ערזעצן פארעלטערטע אינפראסטרוקטור און איינפירן באהאנדלונג פאר אויפקומענדע פארפעסטונגען אין ניו יארק סטעיט׳ס פובליק טרונק-וואסער סיסטעמען זענען קריטיש-וויכטיגע באשטאנדטיילן פון פארזיכערן עקוויטי אין פובליק געזונטהייט. קאמיוניטיס וועלכע האבן געטראגן דעם עול פון צענדליגע יארן אינדוסטריע פארפעסטונג אדער היסטארישע פארנאכלעסיגונג ניצן אויס די געלטער אויף צו העלפן לינדערן פראיעקט קאסטן און לייזן די גרעסערע פראבלעמען פון ריינע וואסער ליפערונג.״

<u>**הויכפונקטן פון די 199 פראיעקטן פינאנצירט אין דער רונדע פון גרענטס רעכענען אריין:**</u>

**איבער 426 מיליאן דאלער אויסגעטיילט פאר טרונק-וואסער פראיעקטן; אויסטיילונגען פאר בארעכטיגטע פראיעקטן וועלכע באהאנדלען אויפקומענדע פארפעסטונגען וועלן פינאנצירן 60 פראצענט פון פראיעקט קאסטן**
איבער 220 מיליאן דאלער איז אויסגעטיילט געווארן צו פארבעסערן טרונק-וואסער סיסטעמען און נאך 206 מיליאן דאלער פאר פראיעקטן וועלכע באהאנדלען אויפקומענדע פארפעסטונגען. בארעכטיגטע פראיעקטן וועלכע אדרעסירן אויפקומענדע פארפעסטונגען העכער דעם סטעיט-באשטימטן מאקסימום פארפעסטונג שטאפל (MCL) וועלן געשאנקען ווערן 60 פראצענט פון נעטא בארעכטיגטע פראיעקט קאסטן. ביישפילן פון די פראיעקטן נעמען אריין:

- **׳אווריל פארק׳ צענטראל סקול דיסטריקט (קאפיטאל ראיאן)** - 90,000 דאלער פאר ווירקזאמע באהאנדלונג פון טרונק-וואסער ביי אלגאנקווין מיטל-שולע.
- **שטאט ראטשעסטער (פינגער לעיקס)** - 3 מיליאן דאלער אויף צו ערזעצן 1,110 בלייענע סערוויס ליניעס.
- **וואסער אויטאריטעט פון מערב נעסאוי קאונטי (לאנג איילענד)** - 31 מיליאן דאלער פאר פיר פראיעקטן אויף צו רייניגן און באהאנדלען אויפקומענדע פארפעסטונגען.

**איבער 139 מיליאן דאלער אויסגעטיילט פאר מיסט-וואסער פארבעסערונג פראיעקטן**
ביישפילן פון די פראיעקטן נעמען אריין:

- **טשעמונג קאונטי (סאוטערן טיער) - 25 מיליאן דאלער פאר א סוער דיסטריקט מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק פאראייניגונג פראיעקט.** די פינאנצירונג וועט שטיצן די קאונטי׳ס באמיאונגען צו קאמבינירן צווי פארעלטערטע מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריקן און אויספירן אפגרעידס וועלכע וועלן העלפן נאכקומען סטעיט סטאנדארטן און פארבעסערן די

וואסער קוואליטעט דורך רעדוצירן נייטראַדזשען און פאספארוס ארויסגעלאזט צו דעם טשעמונג טייך און טשעסעפיק בעי וואסערשייד.

- **שטאט אמסטערדאם (מאוהאק וואלי)** - 4.3 מיליאן דאלער פאר א מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק פארבעסערונג פראיעקט.

**מוניציפאליטעטן געשאנקען 50 פראצענט פון אפגעשאצטע פראיעקט קאסטן**
דרייצן מוניציפאלע פראיעקטן (אין דעם טאוול אונטן) זענען געשאנקען געווארן א 25 פראצענטיגע WIIA גרענט אינאיינעם מיט א 25 פראצענטיגע פעדעראלע סובווענץ צו פינאנצירן 50 פראצענט פון די אפגעשאצטע פראיעקט קאסטן. דאס איז ערמעגליכט דורך שענקען 25 פראצענט אין נאך פעדעראלע סאָבסידיס צו די שוועריגקייטן קאמיוניטיס וועלכע וועלן באקומען אינטערעסטלאזע פינאנצירונג פאר די איבעריגע 50 פראצענט פון די פראיעקט קאסטן. די מוניציפאליטעטן זענען געקליבן געווארן צו באקומען דעם סאָבסידי לויט פראיעקט בארעכטיגקייט, ווירקונגען אויף וואסער קוואליטעט און פינאנציעלע שוועריגקייט.

| אפליקאנט נאמען | ראיאן | אפגעשאצטע פעדעראלע סאָבסידי | אפגעשאצט WIIA גרענט | סך הכל גרענט געשאנק |
|---|---|---|---|---|
| Buffalo Sewer Authority | Western NY | $9,054,768 | $9,054,768 | $18,109,535 |
| De Kalb, Town | North Country | $1,250,000 | $1,250,000 | $2,500,000 |
| Franklinville, Village | Western NY | $1,235,333 | $1,235,333 | $2,850,000 |
| Herkimer, Village | Mohawk Valley | $4,997,750 | $4,997,750 | $9,995,500 |
| Lockport, City | Western NY | $1,934,500 | $1,934,500 | $3,869,000 |
| Moravia, Village | Central NY | $827,688 | $827,688 | $1,655,376 |
| Naples, Village | Finger Lakes | $3,436,500 | $3,436,500 | $6,873,000 |
| Newburgh, City | Mid-Hudson | $5,577,500 | $5,577,500 | $11,155,000 |
| Penn Yan, Village | Finger Lakes | $132,750 | $132,750 | $265,500 |
| Schroon, Town | North Country | $108,750 | $108,750 | $217,500 |
| Sidney, Village | Southern Tier | $565,313 | $565,313 | $1,130,626 |
| Sylvan Beach, Village | Mohawk Valley | $7,291,668 | $7,291,668 | $14,583,335 |
| Utica, City | Mohawk Valley | $306,563 | $306,563 | $613,126 |

נאך דריי שוועריגקייט קאמיוניטיס וועלכע באקומען נישט קיין WIIA געשאנק וועלן באקומען א פעדעראלע גרענט פון 25 פראצענט:

- **ווילעדזש אָוו גאווערנור (נארט קאנטרי)** - 182,750 דאלער צו בויען נייע רייניגונג סוּערס און נייע שטורעם סוּערס אויף צו אפזונדערן קאמבינירטע סוּערס.
- **ווילעדזש אָוו הוסיק פאלס (קאפיטאל ראיאן)** - 132,750 דאלער צו אינסטאלירן א דיסאינפעקציע סיסטעם ביי דעם מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק.
- **ווילעדזש אָוו פארט לעידען (נארט קאנטרי)** - 356,500 דאלער צו העכערן די קאפאציטעט פון די מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק צו אדרעסירן גאר הויכע פליסונגען און אינסטאלירן א דיסאינפעקציע סיסטעם.

**צוויי פראיעקט געשאנקען אינטער-מוניציפאלע גרענטס**
אינטער-מוניציפאלע גרענטס (IMG) זענען געשאנקען געווארן צו צוויי פראיעקטן פאר קאמיוניטיס וועלכע ארבעטן אינאיינעם צו פארבעסערן וואסער קוואליטעט.

- **סופאלק קאונטי וואסער אויטאריטעט (לאנג איילענד)** - 1.2 מיליאן דאלער פאר א וואסער מעין פארלענגערונג פראיעקט מיט ברוקהעיווען.
- **דזשענעסי קאונטי (פינגער לעיקס)** - 2.7 מיליאן דאלער פאר א וואסער סופליי פראיעקט מיט דער מאנראו קאונטי וואסער אויטאריטעט.

**פינאנצירונג גרייטקייט**
גרענט געלטער ווערן מעגליך אויסגעטיילט צו באקומער נאך וואס געוויסע באדינגונגען ווערן נאכגעקומען, אריינגערעכנט דאס שליסן א גרענט אפמאך און גוטהייסונג דורך דער EFC באָורד אָוו דירעקטאָרס.

**זעט אויסטיילונגען דורך ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס**
- [Capital Region]
- [Central NY]
- [Finger Lakes]
- [Long Island]
- [Mid-Hudson]
- [Mohawk Valley]
- [North Country]
- [Southern Tier]
- [Western NY]

**סענאטאר טשארלס שומער האט געזאגט,** ״איך בין שטאלץ צו האבן געליפערט די פעדעראלע געלטער פאר די פראיעקטן לענגאוויס ניו יארק פון פארריכטן אונזער מיסט-וואסער סיסטעמען אין באפעלאו און טשעמונג קאונטי צו ערזעצן געפארפולע בלייענע רערן אין ראטשעסטער. צוטריט צו ריינע טרונק-וואסער איז א רעכט, און איך וועלן ווייטער פארזעצן צו קעמפן ציין און נעגל אנצוהאלטן די פליס פון אונזערע וואסער סיסטעמען, וואוקס פון דזשאָבס, און געזונטהייט און זיכערהייט פון ניו יארקער.״

**קאנגרעסמאן שאן פעטריק מעלאני האט געזאגט,** ״אינפראסטרוקטור איז מער ווי שאסייען און בריקן; עס איז צו זיכער מאכן אז די וואסער וואס אונזערע קינדער טרונקען איז זיכער און ריין. שוין פילע יארן קעמף איך שוין צו העכערן פינאנצירונג פאר אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען אין קאנגרעס און איך בין שטאלץ מיט דעם אז יענע פעדעראלע געלטער וועלן געניצט ווערן אויף אזא גינציגן אופן דא אין ניו יארק פאר צוועלף פראיעקטן לענגאוויס אונזער דיסטריקט אריינגערעכנט 11 מיליאן דאלער פאר ניובורג.״

**קאנגרעסמאן עדריאנא עספיילאט האט געזאגט,** ״פארזיכערן א ריינע און געזונטע וואסער סיסטעמען העלפט אונזערע קאמיוניטיס בליען און איבערלעבן. איך לויב גאווערנער האוקול אויף די היינטיגע

מעלדונג אין באשטימען די פינאנצירונג צו העלפן אונטערהייבן אונזער סטעיט׳ס וואסער אינפראסטרוקטור סיסטעם, שאפן דזשאָבס, שטיצן אונזער סטעיט׳ס עקאנאמיע, און אינאיינוועגס העלפן פארבעסערן וואסער קוואליטעט פאר מיליאנען ניו יארקער.״

**קאנגרעסמאן אנטאניא דעלגאדא האט געזאגט,** ״רייניגן ניו יארקער וואסער און באשיצן אונזערע קאמיוניטיס פון שעדליכע פארפעסטונג ווי PFAS איז געווען מיינס א פריאריטעט זינט איך האב אנגעהויבן סערווירן ניו יארק׳ס 19׳טע קאנגרעסיאנעלע דיסטריקט אין קאנגרעס. עס פריידט מיך צו זען הויפט אינוועסטירונגען אין אפסטעיט ניו יארק׳ס וואסער אינפראסטרוקטור וואס וועט העלפן פארבעסערן פובליק געזונטהייט, ביישטייערן דזשאָבס צו אונזער עקאנאמיע, און שפארן געלטער פאר איינוואוינער. איך וועל ווייטער ארבעטן צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו ריינע טרונק-וואסער.״

**סטעיט סענאטאר טאַד קאַמינסקי האט געזאגט,** ״האבן ריינע וואסער איז נויטיג און די קריטיש-וויכטיגע פינאנצירונג איז א טייל פון דער סטעיט׳ס איבערגעגעבנקייט צו העלפן ארטיגע אינסטאנצן באשיצן פובליק געזונטהייט און פארבעסערן וואסער קוואליטעט. א דאנק אייך גאווערנער קעטי האוקול פאר פארזיכערן אז מיר זעצן פאר ווייטער די היסטארישע אינוועסטירונג אין אונזער אינפראסטרוקטור.״

**אסעמבלי-מיטגליד סטיוו ענגלברייט האט געזאגט,** ״עס פריידט מיך זייער גאווערנער האוקול׳ס אויסמעלדונג איבער געלטער פאר אונזערע ארטיגע רעגירונגען און צו דער סופאלק קאונטי וואסער אויטאריטעט צוצושטעלן זיכערע, ריינע וואסער פאר ניו יארקער. די געלטער וועלן ווייטער פליסן אלס רעזולטאט פון דעם נייעם בודזשעט וואס באזארגט נאך 500 מיליאן דאלער אלס אינוועסטירונג אין דעם ׳ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אקט׳ צו העלפן ארטיגע רעגירונגען.״

**ניו יארק׳ס אנטשלאסנקייט צו וואסער קוואליטעט**
ניו יארק האלטן אן ווייטער העכערן אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. גאווערנער האוקול האט [אויסגעמאלדן](#) אין סעפטעמבער אז עס ווערט צוגעשטעלט 400 מיליאן דאלער פאר קאמיוניטיס איבער׳ן סטעיט צו פינאנצירן ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן דורך דער WIIA און IMG פראגראמען. צוליב די היסטארישע צאל WIIA אפליקאציעס וועלכע זענען ארייגעגעבן געווארן, וועלן מער גרענטס ווערן אויסגעטיילט.

אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האוקול, גיבט דער איינגעפירטער בודזשעט ערלויבעניש פאר נאך 1.2 ביליאן דאלער, פאר א סה״כ 4.2 ביליאן דאלער פאר דעם היסטארישן ׳ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאלע באָנד׳ געזעץ. דער היסטארישער איניציאטיוו, אויף וועלכע וויילער וועלן שטימען שפעטער דעם יאר, וועלן צושטעלן ניו יארקער געברויכן צו באזארגן זיכערע וואסער צו טרונקען, אינוועסטירן אין קריטיש-וויכטיגע וואסער אינפראסטרוקטור, אויפריכטן ענווייראנמענטאלע באשעפעניש וואוין-ערטער, רעדוצירן פלייצונג ריזיקעס און אפהיטן אונזערע אפן-לופטיגע ערטער און ארטיגע פאַרמס. עס וועט אויך ערמעגליכן דאס אינוועסטירן אין קלימאט ענדערונג לינדערונג און צופאסונג פראיעקטן וועלכע וועלן רעדוצירן לופט פארפעסטונג, נידערן קארבאן עמיסיעס און פארבעסערן די פעאיגקייטן פון ניו יארקער קאמיוניטיס צו קעגנשטיין די קלימאט-געטריבענע העכערונג און שווערע וועטער אומשטענדן און פלייצונגען. דער באָנד אקט וועט אויך שטיצן א באדייטנדע אינוועסטירונג אין דער ריינע גרינע סקולס איניציאטיוו וואס וועט דערגרייכן יעדע פובליק סקול וואס געפונט זיך אין אן אומגינציגע קאמיוניטי.

אין צוגאב צו דעם ׳ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאָבס ענווייראנמענטאל באָנד׳ געזעץ, אנטהאלט דער בודזשעט א רעקארד 400 מיליאן דאלערדיגע ענווייראנמענטאלע באשיצונג פאָנד צו שטיצן קלימאט ענדערונג לינדערונג און צופאסונג באמיאונגען, פארבעסערן אגריקולטורעלע מיטלען צו שטיצן שטאנדהאפטיגע אגריקולטור, באשיצן אונזערע וואסער קוועלער, ווייטער פירן קאנסערוואציע

באמיאונגען, און צושטעלן פארווייילונגס מעגליכקייטן פאר ניו יארקער. דער בודזשעט אנטהאלט אויך נאך 500 מיליאן דאלער אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג, ברענגנדיג דעם סטעיט׳ס סך הכל ריינע וואסער אינוועסטירונג צו 4.5 ביליאן דאלער זינט 2017.

**ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן ווערט געמוטיגט זיך צו באטייליגן אין ריינע וואסער-אפשיידן נויטיגט זיך אין אן סורוועי**

EFC מוטיגט מוניציפאליטעטן זיך צו באטייליגן אין דעם ענווייראנמענטאלע באשיצונג אגענטור (EPA) ריינע וואסער-אפשיידן געברויכן אנקעטע, וועלכע האט זיך אנגעהויבן אין ניו יארק אום מערץ 1. אנטיילנעמען איז קריטיש-וויכטיג, וויבאלד עס קען אפעקטירן וויפיל פעדעראלע ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד פינאנצירונג ווערט ווערן צוגעטיילט צו ניו יארק סטעיט צו פינאנצירן צוקונפטיגע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. מוניציפאליטעטן ווערן געבעטן גרייט מאכן דאקומענטן איבער זייער קאמיוניטי׳ס מיסט-וואסער אינפראסטרוקטור געברויכן אויף ארייינצוגעבן צו EPA. גייט צו [www.efc.ny.gov/needs](http://www.efc.ny.gov/needs) ארייינצוגעבן דאקומענטן און פאר הילפס-מיטלען ארויסצוהעלפן מיט׳ן איינגעבן.

**איבער EFC**

דער ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ העלפט ארטיגע רעגירונגען און בארעכטיגטע ארגאניזאציעס אונטערנעמען זייערע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. EFC שטעלט צו סטעיט און פעדעראלע גרענטס ווי אויך אינטערעסטלאזע און נידעריגע-קאסט פינאנצירונג צו העלפן פארזיכערן פראיעקטן זענען צוגענגליך און גלייכצייטיג אפהיטן העכסט-נייטיגע וואסערן. EFC אדמיניסטרירט ניו יארק׳ס [ריינע וואסער](#) און [טרונק-וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנדס](#) און פעדעראלע און סטעיט גרענטס אין צוזאמענארבעט מיט DEC און DOH. EFC ניצט מערערע פינאנצירונג סטראטעגיעס צו מאקסימיזירן די פינאנצירונג וועלכע קענען ווערן צוגעשטעלט פאר קאמיוניטיס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418